**ר' יואל אשר:** אויב זי, אזוי אז אויב ער שטארבט אדער ער גט'ט זיך, **"הרי זה מותר לבעול עד שיהיה להם פנאי לכתוב"**. זאגט דער רמב"ם, דאס איז נישט אזא לכתחילה. ס'סאונדט ווי גלייך ווען מ'האט חתונה כאפט מען שוין, ס'טוט זיך שוין א געכאפעכץ, אדער איך ווייס נישט, עפעס אן אנדערע סיבה פארוואס ס'איז נישט לכתחילה. אבער ער האט דאך געזאגט אז מ'טאר נישט בועל זיין אן כתובה, איז דא אן עצה אז א מאן כאפט זיך אז ער האט נישט געמאכט קיין כתובה, דארף ער נישט יעצט זיך פריש זיין ביז ער באקומט א סופר, נאר ער קען בועל זיין ביז ס'וועט

**ר' יצחק:** זיין צייט צו שרייבן.

**דיסקוסיע: וואס איז לכתחילה און וואס איז בדיעבד?**

**ר' יואל אשר:** די עדים און קנין איז א לכתחילה, ער איז א מותר. די מטלטלין איז א בדיעבד.

**ר' יצחק:** אזוי זאגט דער רמב"ם. דער שולחן ערוך שטייט אז אויך די עדים איז א בדיעבד.

## שבעת ימי המשתה, כתובה בשעת אירוסין, ומכירת כתובה

### הלכה: בועל זיין אן כתובה – די עצה מיט מטלטלין

**ר' יואל אשר:** אבער ער האט געזאגט אז מ'טאר נישט בועל זיין אן כתובה, איז דא אן עצה אז א מאן האט נישט געמאכט קיין כתובה, דארף ער נישט יעצט זיך פורש זיין ביז ער באקומט א סופר, נאר ער קען אים בועל זיין ביז ס'וועט זיין צייט צו שרייבן. ס'איז סאונדט די עדים אין קנין איז א לכתחילה, ער איז א מותר. דער מטלטלין איז בדיעבד.

**ר' יצחק:** אזוי זאגט דער רמב"ם. דער שולחן ערוך שטייט אז אויך דער אידעם איז בדיעבד. יא.

**ר' יואל אשר:** דא זעט אויך אביסל אויס ווי דער אידעם, ווייל דער רמב"ם זאגט עד שיהיה לפני לכתוב. ער זאגט נישט עד שיהיה לפני לכתוב עולה להעיד בפני אידעם.

**ר' יצחק:** איך האב דיר געזאגט, ווייל אן אידעם קען אליינס שרייבן. ממילא, ס'איז כולל אין דעם.

**ר' יואל אשר:** אקעי.

### הלכה: כנס אשה ולא כתב לה כתובה / אבד שטר הכתובה / מחלה כתובתה

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם ווייטער. יעצט, זיי האבן געלערנט אז מ'דארף שרייבן א כתובה.

**ר' יואל אשר:** און מ'האט געלערנט אז אן א כתובה איז בעלתו בעלת נתרו מיט א שוואכערע כתובה. זאגט דער רבי,

**ר' יצחק:** וואס זיי האבן געלערנט איז פאר די חתונה, פאר די כתובה דארף עס שטיין. גיין און לערנען אז בעצם די זעלבע זאך איז נאכדעם אויב ס'ווערט סאווע אויס כתובה. אבער ס'דארף שטיין פארנעמען דעם, דאס לערנען די נעקסטע.

**ר' יואל אשר: כנס אשה,** איינער נעמט א ווייב **ולא כתב לה כתובה,** אדער אפילו ער האט געשריבן א כתובה, אבער **ואבד שטר הכתובה,** ס'איז נישט דא. אוי, **שמחל לכתובה אסור לבעול,** ער איז געגאנגען און ער האט געזאגט פאר די מנחם, דער רבי מוחל לכתובה. אויב עס איז נישט געווען פאר אים אליין, העלפט נישט. די אלע זאכן העלפן נישט. ווייל דאס איז אזוי ווי געגאנגען אנטקעגן די כתבה,

**ר' יצחק:** אדער ס'פעלט די כתבה.

**ר' יואל אשר:** ס'העלפט, אבער יעצט האט זי נישט קיין כתבה. רייט, זי האט נישט קיין כתבה. איז אונז האבן דאך געלערנט אז מ'טאר נישט זיין מיט די ווייב אן א כתבה. ס'איז **חוזר וכותב לה כתובה עיקר.** דער עיקר כתיבה, די תוספות קען מען טאקע מוחל זיין אז דער עיקר כתיבה איז א דין דרבנן, איז אם רצה לכם, מ'דארף עס שרייבן מיני כתיבה, **ולא ישהה עם אשתו אפילו שעה אחת בלא כתובה,** אפילו ווען ס'איז נישט בעילה, סתם אזוי. ווען זי איז א נדה למשל פאר די צוויי וואכן, אויב ער וויל זיין מיט איר באופן נשואין, יחוד אפשר זאל זיין אן עתיד, איך ווייס נישט וואס, טאר נישט זיין אפילו שעה אחת ומשתה בלא כשבתה, וואס איז דאך דא די עצה פון זי קען נעמען מטלטל'ען, יא,

**ר' יצחק:** ביז... וואטעווער, איך מיין נישט אפשר... לשהות מיינט יחוד.

**ר' יואל אשר:** לשהות מיינט בועל זיין, ס'איז ווייטער די בילת נס.

**ר' יצחק:** צו בלייבן. לשהות מיינט ער איז דא צו בלייבן. ער מיינט דא צו... ער געבט דאך פון די פייל...

**ר' יואל אשר:** ער קען נישט זיין מיט איר... ער רעדט דאך פון

**ר' יצחק:** די פייל וואס זי האט שוין... ווייל ער רעדט דאך פון די פייל וואס זי האט שוין מוחל געווען. זאגט ער, "אקעי, איך האב שוין אבער געהאט א כתובה פריער." זאגט ער, "ניין, דו טארסט נישט ממשיך זיין, דו טארסט נישט שוהה זיין אפילו שעה אחת." דאס איז די ווארט פון די שעה אחת,

**ר' יואל אשר:** דאס מיינט ער.

**ר' יצחק:** אבער דאס איז ווען

**ר' יואל אשר:** דו פארקויפסט עס פאר אים אליין. און וואס איז די פראבלעם ווען דו פארקויפסט עס פאר אים אליין?

**ר' יצחק:** ווייל דעמאלטס דארף ער נישט צאלן קיין כתובה ווען ער איז דיר מגרש.

**ר' יואל אשר:** אה, ס'איז ווערט אזא קלה בעיניו. **אבל המוכרת כתובתה לאחרים בטובת הנאה,**

**ר' יצחק:** אויב איינער פארקויפט די כתובה פאר

**ר' יואל אשר:** א צווייטן - ס'איז א ביזנעס, אזוי ווי מענטשן פארקויפן זייער לאון, "געב מיר יעצט הונדערט דאלאר, און ווען מיין מאן וועט מיר גט'ן וועסטו מאכן צען טויזנט דאלאר." ס'איז א ביזנעס. **המוכרת כתובתה לאחרים בטובת הנאה, אינו צריך לכתוב לה כתובה אחרת.** ער דארף נישט שרייבן א נייע כתובה. פארוואס? **שלא תיקנו כתובה אלא כדי שלא תהא קלה בעיניו להוציאה,** אז ער זאל נישט קענען גרינג גט'ן אן קיין קאנסעקווענסעס. אבער ביי די פרוי, זי איז דאך יא סעיף. פארוואס? ווייל **אם הוציא זו,** אויב ער גייט איר גט'ן, גייט ער דאך דארפן באצאלן די כתובה. ער גייט עס נישט געבן פאר איר, ער גייט עס געבן פאר די אנדערע מענטש וואס האט עס אפגעקויפט, די לוקח, **כדרך שהיה משלם לה אם לא מכרה.**

**ר' יצחק:** זייער גוט. אבער די פראבלעם פון "לא יוציאה" איז נישט אז ס'דארף אנקומען געלט צו איר. אפילו ס'קומט נישט קיין געלט צו איר,

**ר' יואל אשר:** איז נישט קיין פראבלעם.

**ר' יצחק:** נישט אזויפיל געלט. עניוועיס,

**ר' יואל אשר:** דו האסט דאך נאר אן אפשען,

**ר' יצחק:** ס'איז געווען ווערט. א כתובה ווען מ'האט נאך נישט חתונה געהאט איז ווערט אסאך ווייניגער ווי די כתובה אליין, קען דאך נישט זיין.

## הלכה: פון ווען ווערט מען מתחייב בכתובה? — ארוסה מיט כתובה / אן כתובה

**ר' יצחק:** יעצט קען מען עס לערנען, פון ווען ווערט עפעס א נייע קאטעגאריע פון הלכות? פון ווען ווערט מען מתחייב בכתובה?

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **המארס את האשה וכתב לה כתובה,** איינער מאכט אירוסין און ער שרייבט איר א כתובה,

**ר' יצחק:** אבער ס'איז נאכנישט געשען קיין חופה,

**ר' יואל אשר:** זאלסטו נישט מיינען אז די כתובה אליין איז א חופה. כתובה איז נישט קיין חופה. כתובה איז א דין אז אויסער די חופה דארף זיין א כתובה. **עדיין ארוסה היא,** זי הייסט נאך אן ארוסה, **ואינה נשואה,**

**ר' יצחק: שאין הכתובה עושה נישואין.**

**ר' יואל אשר:** און ממילא, **ואם מת או גירשה,**

**ר' יצחק:** אבער א כתובה האט זי. למעשה, די כתובה איז א שטר,

**ר' יואל אשר:** ער האט איר געשריבן א חיוב. איז **אם מת או גירשה** איז זי אן ארוסה וואס האט א כתובה. אן ארוסה וואס האט א כתובה קען אויך גובה זיין די כתובה, **גובה עיקר כתובתה מבני חורין.**

**ר' יצחק:** אבער נאר די דין אזוי,

**ר' יואל אשר:** געוועגליך א בעל חוב קען גובה זיין אויך פון נכסים וואס מ'האט פארקויפט. אויב דער מלוה איז געגאנגען און ער האט פארקויפט זיינע אלע נכסים, איז דאס איז געבליבן בני חורין, דער מאן וואס איז געשטארבן נאכדעם וואס ער האט געמאכט א כתובה פון אירוסין, קען גובה זיין די עיקר כתובה פון בני חורין, נאר פון בני חורין, נישט פון נכסי משועבדים. און די צווייטע זאך, **ואינה גובה תוספת כלל,** דאס וואס ער האט צוגעלייגט אז ער גייט געבן צען טויזנט דינר, דאס נישט, נאר די בעיסיק, די מינימום. פארוואס? **הואיל ולא כנסה.** דער פשט איז, אונז זאגן אז דאס וואס ער האט מוסיף געווען איז געווען משום חיבת ביאה, אז ער גייט וואוינען מיט איר, ער גייט זיין מיט איר. אבער אז ער איז געשטארבן, איז דאך געווען א... על דעת זה האט ער נישט געמיינט. און פארוואס נאר פון בני חורין און נישט פון משועבדים? ווייל אפשר איז נישט דא קיין פרסום, מ'האט נישט געמאכט קיין לודעא, ווייל ס'איז נאך נישט געווען קיין נשואין, מ'האט נישט געמאכט די מנין פון יודן.

**ר' יצחק:** ס'איז דא אז ווען ס'איז דא א שטר,

**ר' יואל אשר:** דעמאלטס קען מען גובה זיין פון משועבדים,

**ר' יצחק:** ווייל ס'האט א פרסום. דא איז נישט געווען קיין פרסום. איך ווייס נישט, אפשר איז דאס די ענין פון פרסום. אפשר איז דאס ווייל די כתובה אליין איז א שטר. איך ווייס נישט פארוואס.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קלאר פאר מיר.

### אירס ולא כתב כתובה

**ר' יצחק:** אבער **אם אירס ולא כתב כתובה,**

**ר' יואל אשר:** ער האט געמאכט אירוסין און נישט געשריבן א כתובה, **ומת או גירשה והיא ארוסה,** און ער איז געשטארבן אלס ארוסה, **אין לה כלום,** באקומט זי גארנישט. זי האט אויך נישט די עיקר כתובה. פארוואס? **שלא תיקנו לה עיקר כתובה עד שתינשא או עד שיכתוב.** מ'ווערט נאר מחויב אדער ווען מ'האט

חתונה, אפילו אן שרייבן ווערט מען מחויב אויטאמאטיש, אדער אז מ'שרייבט ווערט מען מחויב אפילו ביי אירוסין, אזוויוי אונז האבן יעצט געזאגט.

**ר' יצחק:** יעדע מאל ווען מ'שרייבט א כתובה, אפילו ער איז געשטארבן א מינוט שפעטער,

**ר' יואל אשר:** איז ער שוין מחויב.

**כתובת קטנה – כתובתה לאביה**

ווען א טאטע איז מארס די טאכטער ווייל זי איז נאך א קטנה, **וכתב לה כתובה**, און דער מאן האט געשריבן א כתובה, **ומת או גירשה כשהיא נערה**, און זי איז געשטארבן ווען זי איז נאך א נערה, איז אזוויוי די קידושין, אלעס וואס א קטנה באקומט איז די טאטע'ס, אויך די כתובה, **כתובתה לאביה, כמו שביארנו**, אזוויוי איך האב שוין געזאגט, ווי ווען ער האט גערעדט וועגן דין זכאי בכתובת בתו, ס'איז געשטאנען אנפאנג ווען ס'איז געשטאנען הלכות בוגרת,

**ר' יצחק:** הלכות קטנה. נאר ביי אירוסין, נשואין באקומט שוין נישט די טאטע,

**ר' יואל אשר:** רייט? שוין.

**הלכה: שבעת ימי המשתה – שמחת חתן וכלה**

יעצט, איינמאל מ'האט שוין מסדר געווען די חופה, דא איז צייט פאר די גרויסע פארטי, פאר די שמחה. גייען מיר לערנען הלכות שמחת אדם עם אשתו. נישט די... ס'איז דא א מצוה פון שמחה פון שנה ראשונה, נאר דא רעדט מען פון די שמחה פון אנפאנג, פון גלייך נאך די חתונה.

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"וכן תקנו חכמים שכל הנושא בתולה יהיה שמח עמה שבעת ימים"**. ווען איינער איז נושא א בתולה, דארף ער זיך פרייען מיט איר זיבן טעג. וואס מיינט "שמח עמה"? אזוי ווי די ראשונים זאגן, נישט ער פרייט זיך, נאר ער פרייט זיך מיט איר. וואס מיינט דאס? **"אינו עוסק במלאכתו ולא נושא ונותן בשוק"**. מ'טוט נישט קיין ארבעט, למשל, איך ווייס, א פלאמבער טוט נישט פלאמבינג, און א סוחר גייט נישט טון סחורה. נאר וואס דען טוט מען? זייער א געשמאקע זאך טוט מען, הערי: **"אוכל ושותה ושמח"**. מען טוט דריי חשוב'ע זאכן: מען עסט, מען טרינקט, און מען איז פרייליך. **"בין שהיה בחור בין שהיה אלמון"**. נישט קיין חילוק. זי איז א בתולה, אבער דער מאן איז נישט קיין

**ר' יצחק:** חילוק בחור אדער אלמן,

**ר' יואל אשר:** איז ער מחויב זיך צו פרייען מיט זיין ווייב פאר שבעת ימים. און די הלכה איז א הלכה... דער רמב"ם זאגט "תקנו חכמים", און אין הלכות אבלות זאגט דער רמב"ם אז שבעה לאבילות און שבעה לימי המשתה איז א תקנה פון משה רבינו. אין דעם פסוק, ווי שטייט עס? "מלא שבוע זאת". על כל פנים, דארטן זאגט דער רמב"ם אז ווען ער זאגט "תקנת חכמים", מיינט ער "תקנת משה רבינו". ס'איז אינטערעסאנט, עפעס וואס משה רבינו האט נישט באקומען בסיני, נאר ער האט עס מתקן געווען, ווערט אויף אן אנדער אופן אנגערופן "תקנת חכמים". אסאך מאל זאגט דער רמב"ם "תקנת נביאים" אדער "חכמים ראשונים". דא זאגט ער פלעין "תקנת חכמים".

**ר' יצחק:** אקעי. דאס איז א בתולה.

**בעולה – שלשה ימים**

**ר' יואל אשר: "ואם היתה בעולה"**, אויב זי איז געווען שוין א בעולה, זי איז זיווג שני, **"אין פחות משלשה ימים"**. מ'דארף נישט זיין זיבן טעג, נאר דריי טעג. **"שתקנת חכמים היא"** –

**ר' יצחק:** דא זאגט דער

**ר' יואל אשר:** רמב"ם די ווערטער "שתקנת חכמים היא", ס'איז א תקנת חכמים, אזוי ווי ער זאגט "תקנת משה רבינו" – **"לבנות ישראל שיהיה שמח עם הבעולה שלשה ימים, בין בחור בין אלמון"**. אינטערעסאנט אז ער זאגטביידע מאל איבער דעם בחור און אלמן.

**ר' יצחק:** די עיקר איז, ס'איז זייער גוט, ווייל ס'איז לטובתו.

**ר' יואל אשר:** ביידע איז א תקנת חכמים, יא. סאו ער דארף זיך רעכענען מיט איר. זי איז אוטאמאטיש איז פרייליך אז דער מאן איז אין א גוטע מוד.

**ר' יצחק:** ניין, "אוכל ושותה" מיינט "עמה", אוודאי. וואס דען? ער גייט זיך פרייען מיט זיינע חברים?

**ר' יואל אשר:** ניין, אז ער זיצט אינדערהיים מיט איר, און ער דארף זיין אין א גוטע מוד,

**ר' יצחק:** איר משמח צו זיין. משמח צו זיין מיינט נישט אז זי איז סעד און ער דארף איר משמח זיין.

**ר' יואל אשר:** ס'מיינט זיך פרייען צוזאמען. דאס איז די טייטש. א לאנגע פארטי, א זיבן טעג פארטי. אבער ס'איז אינטערעסאנט, עס וואלט געשטאנען "אוכלים ושותים ושמחים" אויף ביידע.

**ר' יצחק:** און דאס מיינט עס, "ישמח עמה" - "אלא אוכל ושותה ושמח". איך פארשטיי אליין אז ס'מיינט "עמה".

**דיסקוסיע: צי איז דאס א חיוב אויף איר אויך?**

**ר' יואל אשר:** איז די שאלה אויך אויף איר די איסור, אז זי קען נישט גיין ארבעטן?

**ר' יצחק:** ניין, אפשר קען זי מוחל זיין. ס'שטייט אז ס'איז לטובתה, אפשר אויב זי וויל

**ר' יואל אשר:** גיין ארבעטן קען זי מוחל זיין.

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. ס'שטייט נישט אז ס'איז נישט קיין חיוב אויף אים, ס'איז א חיוב אויף איר. דאס הייסט,

**ר' יואל אשר:** ס'איז א חלק פון די כתובה,

**ר' יצחק:** איינע פון די זאכן וואס דער מאן איז שולדיג פאר די פרוי, אזוי איז משמע. ער ברענגט אז דער רמ"א זאגט אז זי קען מוחל זיין.

**ר' יואל אשר:** אזוי? יכולה למחול על שמחתה?

**ר' יצחק:** יא. ס'איז דא וואס זאגן אז אויף די מלאכה קען זי נישט, אבער אזוי איז משמע, אז ס'איז א תקנה לטובתה.

**ר' יואל אשר:** סאו זי איז נישט מוחל זיין אויב זי ענדזשויט נישט יעצט פארטיען און זי ענדזשויט מנוחה?

**ר' יצחק:** דארף זי נישט מוחל זיין. ניין, מנוחה מיינט מען אז ס'איז דאך דא א דין ער טאר נישט גיין צו די ארבעט. דאס איז די עיקר נפקא מינה להלכה.

**ר' יואל אשר:** ניין, איך מיין צו זאגן, זי וויל אריינשלאפן אין טאג אריין, און דאס זאל זיין זייער פאן. דאס איז זיכער אז מ'מעג.

**ר' יצחק:** שמחה מיינט צו זאגן, די נפקא מינה פון שמחה איז ער טאר נישט גיין ארבעטן. ממילא, וואס וועט ער טון? זיי זענען אינדערהיים. זיי זענען אינדערהיים אנגעצויגן.

**ר' יואל אשר:** איך האב געהערט פון א חכם אז ווייניגער עסן און מער שלאפן.

**ר' יצחק:** דאס רעדט זיך נישט פון א חתן, דאס רעדט זיך פון א גאנץ יאר.

### הלכה: נעמען מערערע פרויען אויף איינמאל

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טוט זיך אז א מענטש האט חתונה מיט מער ווי איין פרוי? זאגט דער רמב"ם, **"יש לו לאדם"** - א מענטש האט די רעכט, נישט אז ער זאל אדער ס'איז א חשוב'ע זאך, ער מעג, ער קען נעמען **"נשים רבות כאחת ביום אחד"** - ער קען נעמען מערערע פרויען אויף איינמאל. שפעטער אין הלכות אישות גייט אונז דער רמב"ם זאגן מער וועגן דעם, אז מ'קען נאר נעמען אזויפיל פרויען וויפיל מ'קען געבן פאר אלע פון זיי. איז די טעם אזוי,

## רמב"ם הלכות אישות: דיני נישואין — זמנים, איסורים, ותקנות חכמים

### הלכה: נעמען מערערע פרויען אויף איינמאל

**ר' יצחק:** זיי וועלן זיין אנגעצויגן.

**ר' יואל אשר:** איך האב געהערט פון א חכם אז ווייניגער עסן און מער שלאפן.

**ר' יצחק:** דאס רעדט זיך נישט פון א חתן, דאס רעדט זיך פון א גאנץ יאר.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טוט זיך אז א מענטש האט חתונה מיט מער ווי איין פרוי? זאגט דער רמב"ם, **יש לו לאדם**, א מענטש האט די רעכט, נישט אז ער זאל, אדער ס'איז א חשוב'ע זאך, ער מעג, ער קען נעמען **נשים רבות כאחת ביום אחד**, אדער ער קען נעמען מערערע פרויען אויף איינמאל. שפעטער אין הלכות אישות גייט אונז דער רמב"ם זאגן מער וועגן דעם, אז מ'קען נאר נעמען אזויפיל פרויען וויפיל מ'קען געבן פאר אלע פון זיי.

**ר' יצחק:** שארות ותבונין.

**ר' יואל אשר:** שארות ותבונין, דארף עס זיין מיט א חשבון. אבער על דין נישואין קען מען נעמען מערערע אין איין טאג. ער וויל דאס ארויסברענגען. **ומברך ברכת חתנים לכל אחת כאחד.** ס'איז גענוג איין ברכה אויף אלע פרויען. אז אויף יעדע פרוי איז דא א תקנה פון ברכת חתנים, ביי די חתונה איז דא א ברכת חתנים. זאגט דער רמב"ם, דאס איז לגבי ברכה. אבער **לשמחה,** די מצוה וואס מ'דארף זיך פרייען פאר זיבן טעג, איז א דין אזוי ווי א רעכט וואס די פרוי האט, א פריווילעדזש וואס די פרוי האט. ממילא קענסטו נישט נעמען צען פרויען און מאכן איין שבע ברכות, ס'ארבעט נישט אזוי. **צריך לשמוח מכל אחת ואחת. שמחה אריה לה,** זי דעזערוועט זיבן טעג, איז אם בתולה שבעה.

**ר' יצחק:** אריה לה מיינט ער צו זאגן לויט אריה לה.

**ר' יואל אשר:** פאר איר אליין. און בתולה שבעה, און אם בעולה שלושה. איז דא א דין, **אין מערבין שמחה בשמחה.** קענסטו נישט זאגן, אקעי, איך וועל זיין אסאך מער, איך וועל נעמען די זעלבע שעה, איך וועל זיין אסאך מער פריילך. ס'איז נישט אזוי, מ'קען נישט מערבן שמחה בשמחה. יעדער האט זייער אייגענע זיבן טעג פון שמחה.

### דיון: אין מערבין שמחה בשמחה — ביי פרויען און ביי יום טוב

**ר' יצחק:** ניין, די לשון, אין מערבין שמחה בשמחה האבן מיר אויך געזען ביי יום טוב, אז מ'טאר נישט מאכן יום טוב.

**ר' יואל אשר:** ער גייט עס שפעטער זאגן, מ'גייט עס שפעטער זאגן. דא איז די נעקסטע סעיף. יא. יעדע פרוי האט א דין אין שמחה. מ'קען נישט צוזאמנעמען אסתר'ס שמחה מיט רחל'ס שמחה. די נעקסטע איז אז מ'קען נישט צוזאמנעמען די חול המועד שמחה מיט די...

**ר' יצחק:** גוט, אבער איך זאג עס פאר אן אנדערע סיבה. ס'שטייט אויך אין הלכות יום טוב, איך געדענק, איז לכבוד יום טוב, ווייל יום טוב קומט זיך זיין אייגענע שמחה. אבער דא איז פשט אז ס'איז א חיוב פאר די פרוי. אזוי ווי דו קענסט נישט צאלן פאר ביידע פרויען איין כתובה.

**ר' יואל אשר:** דו קענסט נישט געבן איין שמחה. ס'קען זיין ביי יום טוב איז אויך ביידע. וועט זי אויך טענה'ן אז איך האב נישט באקומען מיין, ווייל די זיבן טעג איז דאך א שמחה פון יום טוב.

**ר' יצחק:** ביידע וועגן. זיי האבן געלערנט הלכות יום טוב אז ס'איז אויך א נושא פון יום טוב. אקעי. יעצט גייען מיר לערנען ווען...

**ר' יואל אשר:** וואס איך מיין צו זאגן איז, אויב ווען יום טוב מיט די פרוי, אויב טראכט ער בעיקר פון די יום טוב, האט ער נישט געגעבן פאר די ווייב. אויב טראכט ער בעיקר פון די ווייב, האט ער נישט געגעבן פאר די יום טוב. ווייל דער אייבערשטער גייט נישט אריינגיין אין זיין קאפ. זאגט מען אז מ'דארף האבן צוויי עקסטערע. יא.

### הלכה: ווען מעג מען מאכן אירוסין (קידושין)?

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **מותר לארס בכל יום חול.** סיי ווען ס'איז א וואכנדיגער טאג, מעג מען מאכן, מעג מען געבן קידושין. **אפילו בתשעה באב, בין ביום בין בלילה,** ווייל די גמרא זאגט אז די חתונה איז זייער חשוב, ווייל דו האסט געטראפן א כלה וואס זי איז מסכים. טו עס יעצט, אז נישט וועט שוין א צווייטער אויסכאפן, שמא יקדמנו אחר. אבער ווען נישט? ניין.

**ר' יצחק:** ווען נישט? אירוסין מעג מען מאכן ווען מ'וויל.

**ר' יואל אשר:** בכל יום חול, שבת קען מען נישט, דריי? שבת קען מען נישט, פארוואס? ווייל ס'איז א קנין?

**ר' יצחק:** בכל יום חול. אה, ער זאגט נישטא כלום, רבי, פארוואס נישט? פאר וואו שטייט? ס'שטייט א מתנה שבת? ס'שטייט ווי בכל יום חול מעג מען.

**ר' יואל אשר:** א בכל יום חול? אקעי, יום טוב טאר מען נישט וועגן... מ'דארף שמחת יום טוב.

**ר' יצחק:** ניין, שמחה איז נישט קיין סתירה. אפילו ווען א מענטש... ס'שטייט נישט אז די זיבן טעג שמחה מוזן זיין בצמצום, ווייל זעסט דאך אז ער מעג נושא נשים רבות בשבילו. נאכדעם וועט ער מאכן פאר יעדן איינעם אן עקסטערע שבע ברכות. יא. אבער ס'שטייט נישט דא... איך מיין אז דער רמב"ם האט יא געזאגט אין הלכות שבת, אז מ'מאכט נישט קיין קידושין שבת. געדענקסט? נאכדעם שבת איז שוין געשטאנען אז מ'טאר נישט מאכן קידושין שבת. איינע פון די זאכן דארט פון קנינים...

**ר' יואל אשר:** אה, דארט איז געשטאנען עוד דברים אז מ'טאר נישט, יא.

**ר' יצחק:** שטייט, יא. מ'דארף גלייבן. בכל יום בכל... אין הלכות שבת פרק כ"ג איז געשטאנען, ס'איז א גזירה שמא יכתוב, יא. איך שרייב פון די...

**ר' יואל אשר:** איך שרייב פון די...

**ר' יצחק:** ניין, אזוי ווי אלע קנינים. אלע קנינים טאר מען נישט טון שבת.

**הלכה: ווען מעג מען מאכן נישואין?**

**ר' יואל אשר:** ווען טוט מען נישט? זאגט דער רמב"ם, מאכן אירוסין מעג מען בכל יום חול, אבער נישואין טוט מען נישט אין יעדן יום חול. ס'איז דא ימי חול וואס מ'טוט נישט מאכן נישואין. ווען? **ערב שבת, אדער באחד בשבת.** פארוואס? **גזירה שמא יבוא לידי חילול שבת בתיקון הסעודה. שהחתן טרוד בסעודתו.** דער חתן איז דאך טרוד בסעודה, ווייל ער וויל נושא חן זיין, ער וויל מאכן א שיינע סעודה, ס'איז אים זייער חשוב, ער נעמט פרעשור דערפון אז ס'זאל זיין א שיינע סעודה. האב איך מורא אז אויב ער וועט חתונה האבן ערב שבת, וועט ער אריינציען מיט די סעודה, וועט עס זיין חילול שבת. און די זעלבע זאך,

**ר' יצחק:** ערב שבת גייט ער זיך גאנץ...

**ר' יואל אשר:** שבת זארגן וועגן די סעודת חתונה פון מארגן, ער גייט שוין אנהייבן צו שעכטן די בהמה.

**ר' יצחק:** ס'איז דאך שחיטת שבת.

**ר' יואל אשר:** נישט סתם אז ער גייט נישט פאקוסן אויף די שבת. זאגט דער רמב"ם, דאס איז ערב שבת, אבער שבת זעלבסט, **ואין צריך לומר שאסור לישא בשבת.** ס'איז דא איסער וואס מ'טאר נישט מאכן אירוסין אלס קנין, אויך די חלק הנישואין, די שמחה, די חופה, דאס טוט מען אויך נישט שבת פאר די זעלבע סיבה, ווייל ער איז טרוד בסעודתו, וועט מען קומען צו חילול שבת.

**הלכה: חול המועד**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **אפילו בחולו של מועד...** ס'איז אינטערעסאנט די לשון אפילו, ווייל ס'איז פון אן אנדערע סיבה אינגאנצן. דער רמב"ם,

**ר' יצחק:** חולו של מועד איז אויך דא אן איסור אז מ'טאר נישט חתונה האבן. סתם אזוי שבת און יום טוב טאר מען נישט, ווייל די נושא. אפשר יום טוב דארף מען פארשטיין,

**ר' יואל אשר:** ווייל יום טוב איז דאך נישט קיין נושא פון טירדה. אפשר סתם אזוי ווייל יום טוב וועט אויך זיין די פראבלעם מיט... אפילו בחולו של מועד, ס'טייטש יום טוב אליין טאר מען נישט. אפילו מיינט יום טוב...

**ר' יצחק:** אפילו בחולו של מועד.

**ר' יואל אשר:** רעדט רמב"ם, ס'איז דא יום טוב.

**ר' יצחק:** ווי **שאין מערבין שמחה בשמחה.**

**ר' יואל אשר:** נאכאמאל. אפילו בחולו של מועד מיינט צו זאגן נישט נאר יום טוב, נאר אפילו חול המועד פון יום טוב, וואס איז א וואכעדיגע צייט פון יום טוב, **אין נושאין נשים כמו שביארנו.** פארוואס?

**ר' יצחק:** וואס טייטשט כמו שביארנו?

**ר' יואל אשר:** אה, ווי **שאין מערבין שמחה בשמחה, שנאמר מלא שבוע זאת,** פיל אויס די גאנצע... אזוי ווי ס'שטייט ביי רחל און לאה, ס'איז א דרש, ווייל שבוע זאת דארטן מיינט זיבן יאר. אבער **מלא שבוע זאת ונתנה לך גם את זאת,**

**ר' יצחק:** יא? נישט זיכער. ניין, ער האט דאך גע... **בעבודה שתעבוד עמדי,** ניין.

**ר' יואל אשר:** מלא שבוע זאת מיינט...

**ר' יצחק:** אפשר יא א וואך. שטייט נישט דארטן אז ער האט זיך אונטערגענומען אז ער גייט ארבעטן זיבן יאר פון דעם פסוק. **בעבודה שתעבוד עמדי עוד שבע שנים אחרות,**

**ר' יואל אשר:** אבער שבוע קען מיינען א וואך. מלא שבוע זאת דאס איז די וואך פון שבע ברכות. סאו היות ס'איז דא אן איסור פון אין מערבין שמחת יום טוב מיט שמחת נישואין. סאו טאר מען נישט יום טוב פאר זיך נישט, אבער אויך חול המועד. חול המועד איז אויך דא עפעס א שטיקל מצוה פון שמחה.

**ר' יצחק:** אלע מצוות שמחה איז יום טוב דא אויך די חול המועד.

**ר' יואל אשר:** יא, אבער נאר מדרבנן. כל ישראל, נישט דא ווי ביום חול. ניין,

**ר' יצחק:** עס איז מלאכה. אבער פארקערט, דא א עס אין מלאכה מיט דרבנן אפשר, וויבאלד מ'דארף זיך פרייען.

**ר' יואל אשר:** אה, אפשר מאכט מען **ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים,**

**ר' יצחק:** יא, דאס איז לולב. אבער שמחה אויף יום טוב איז חול המועד. ווענערוועו די מצוה איז שמחה, איז נישטא חילוק פון יום טוב און חול המועד.

**הלכה: שלשה ימים קודם הנישואין**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **ושאר הימים**, אלע אנדערע טעג, אויסער ערב שבת, און אזוי ווייטער, **מותר לישא בכל יום שירצה.** אבער, זאגט דער רמב"ם, **והוא שיטרח בסעודת נישואין שלשה ימים קודם יום הנישואין.** ס'איז דא אויך א גזירה אז סעודת נישואין זאל מען משקיע זיין דערין, זעט אויס. איך ווייס אז די חכמים האבן געוואלט אז ס'זאל זיין א שיינע סעודה. און דער חתן זאל אוועקגעבן דריי טעג. וואס מיינט ער צו זאגן אז מ'קען עס נישט מאכן גלייך נאך... דארף עס מאכן דינסטאג? ער קען אנגרייטן דאנערשטאג פרייטיג, יא.

**ר' יצחק:** דער פוינט איז, אז אויב ס'מאכט זיך אז ער האט נישט קיין דריי טעג, דעמאלטס קען ער נישט. אבער איך מיין אז דאס איז אויך איינע פון די טעמים פון די גמרא פאר די נעקסטע הלכה, אז מ'מאכט די רביעי.

**הלכה: בתולה נישאת ביום רביעי**

**ר' יואל אשר:** אז געווענליך זאל ער האבן אזוי ווי דער סאו, ס'איז אינטערעסאנט, זיי האבן שוין געהאט אפאר סיבות וועגן ווען מ'קען מאכן אירוסין און די נישואין. ס'איז דא ווען מ'טאר נישט, ס'איז דא ווען מ'טאר נישט אלס עירוב שמחה בשמחה. און דא איז דא א נייע זאך: ווען איז א גוטע צייט צו מאכן נישואין? ווען מ'וועט קענען גיין צום בית דין. זאגט דער רמב"ם אזוי: **מקום שאין בית דין יושבין בו אלא בשני וחמישי בלבד,** פלעצער וואו ס'איז דא נאר א בית דין צוויי מאל א וואך, דעמאלטס איז דער מנהג אז **בתולה נישאת בו ביום רביעי.** אין די שטאט, וואטער ווען זאגט דער רמב"ם, יענע שטאט זאל מען די בתולה חתונה ביום רביעי, פארוואס? **שאם היתה לו טענת בתולים ישכים לבית דין.** אויב איז דא א טענת בתולים, זאל מען קענען ווי שנעלער קומען צום בית דין.

**ר' יצחק:** ס'איז טייטש,

**ר' יואל אשר:** א פלאץ וואו ס'איז דא אייביג בית דין, קען מען אייביג נושא זיין ווייל מ'וועט קענען גיין צום בית דין. אבער אויב איז נאר דא א בית דין...

**ר' יצחק:** די צוויי מאל א וואך,

**ר' יואל אשר:** באחד בשבת קען מען דאך נישט, ווייל מ'האט געשמועסט אז מ'קען נישט באחד בשבת. סאו ווען ס'בלייבט איבער א טאג פאר דאנערשטאג, זאל מען טון ביום רביעי **שאם היתה לו טענת בתולים.** ס'זעט אויס אז נאך נישואין גייט מען דאך טון גלייך ביאה. יא. זאגט דער רמב"ם, **מנהג חכמים הוא שהנושא בתולה...**

**דיון: איז דאס א תקנה למעשה?**

**ר' יצחק:** דאס איז א תקנה, דאס איז נישט א חיוב. ווער ס'מאכט חתונה אן אנדערע טאג אין די וואך, לויט ווי ס'שטייט איז ער עובר אויף א תקנה פון די חכמים.

**ר' יואל אשר:** נישט עקזעקטלי.

**ר' יצחק:** וואס הייסט נישט עקזעקטלי?

**ר' יואל אשר:** ווייל היינט איז דאך דא בית דין נישט דווקא בשני ובחמישי. דאס איז איינס. און צווייטנס, מ'קען דאך חתונה האבן און מ'מאכט די ביאה ווען...

**ר' יצחק:** דאס איז אויך נישט. אקעי. אבער עניוועיס, היינט איז נישטא קיין בית דין,

**ר' יואל אשר:** און איך האב אויך נישט קיין טענת בתולים. אקעי. איז מנהג חכמים הוא? ניין. פארוואס נישט? ווייל היינט זאגט מען אז אסאך פרויען האבן עניוועי נישט בתולים. שוין, דאס איז אן אנדערע גמרא. אבער היינט דארף מען זיך נישט אויספייטן ביי א בית דין אויף דעם. ס'איז אנגענומען אז אויב מ'טרעפט נישט בתולים גייט מען ווייטער. ס'איז נישט קיין קשיא.

**ר' יצחק:** ס'איז זייער גוט אזוי. נו נו,

**הלכה: בעולה נישאת ביום חמישי**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **מנהג חכמים הוא שהנושא את הבעולה ישא בחמישי.** דא איז א מנהג חכמים, אז נישט במקום שאין בית דין יושבים, נאר סתם אזוי זאל מען עס טון בחמישי. א בעולה, אנטשולדיגט, א בעולה האט דאך נישט די ענין פון טענת בתולים. סאו ווען איינער האט חתונה מיט אן אלמנה אדער א גרושה, א בעולה, זאל ער חתונה האבן בחמישי. פארוואס? ווייל מיר האבן דאך געשמועסט פריער אז א בעולה האט דריי טעג שבע ברכות. האבן זיי געוואלט, שבת איז נישטא קיין מצוות שמחה בשבת. יום טוב איז דא א מצוה פון שמחה, איז דא א איסור אין מערבין שמחה בשמחה, אבער בשבת איז נישטא קיין מצוות שמחה. וועט ער מקיים זיין די מצוות שמחה, וועט זיין חמישי, ערב שבת, און בשבת. מ'קען זאגן **לכה דודי לקראת כלה** ביי די דריטע טאג פון שבע ברכות. **ויצא למלאכתו,** די דריטע טאג פון די דריי טעג שבע ברכות.

**דיון: וואס איז דער טעם פון דאנערשטאג?**

**ר' יצחק:** וואס איז די חילוק צו ער מאכט עס דאנערשטאג אדער דינסטאג? דינסטאג וועט ער אויך דארפן זיין פריי אין דריי טעג.

**ר' יואל אשר:** גוט, אבער א שבת זאל זיין א חלק פון די שמחה. זעט אויס אז ס'זאל זיין א שבת שבע ברכות, שבת שלושה ברכות.

**ר' יצחק:** וואס איז די ענין?

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט וואס איז די ענין פון דעם מנהג חכמים. לאמיר זען וואס זאגן די נושאי כלים.

**ר' יצחק:** ער איז נישט מסביר. **ויצא למלאכתו ביום ראשון**.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קלאר. לאמיר נישט אוועקנעמען פון אים. אפשר איז עס א פראקטישע זאך. אונז האבן דאך גע'אסר'ט פאר אים צו טון מלאכה. האבן חכמים געזאגט אז ס'איז א גוטע מנהג.

## הלכות נישואין: זמנים, מזונות, וחיובי הבעל

### הלכה א: קידושין לקטנה ודין הנישואין

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, אזוי, **המארס בתולה קטנה, ותבע הבעל הנשואין** — א טאטע איז מקבל קידושין פאר זיין טאכטער א קטנה, ותבע הבעל הנשואין, דער בעל איז תובע אז איך וויל איר שוין נושא זיין. איז האבן מיר דאך שוין געלערנט, און דער רמב"ם האט שוין פריער געזאגט אז ס'איז נישט קיין עסק צו בועל זיין א קטנה. ניין,

**ר' יצחק:** צו מקדש זיין א קטנה איז נישט קיין עסק.

**ר' יואל אשר:** בועל זיין זיכער נישט. אקעי, איז **בין היא בין אביה** — אה, דו מיינסט דער רמב"ם זאל בכלל נישט מקדש זיין א קטנה עד שתגדל ותאמר לפלוני אני רוצה, יא? אבער דא רעדט מען באופן ווען מ'האט נישט געפאלגט, מ'האט יא מארס געווען, און די אירוסין ארבעט דאך, איך מיין די קידושין איז א קידושין. און יעצט וויל ער איר נושא זיין. איז בין היא, סיי די מיידל אליין, בין אביה, **יכולין לעכב**, קענען זיי זאגן איך בין נישט גרייט, **שלא תינשא עד שתגדל ותעשה נערה.** זי קען פאדערן צייט ביז ווען

**ר' יצחק:** זי איז א נערה.

**ר' יואל אשר:** **ואם רצו**, אויב האבן זייביידע מסכים געווען אויף די נישואין, **וכנסה**, און ער האט איר יא גענומען פאר זי איז געווארן א גדולה,

**ר' יצחק:** איז כונס,

**ר' יואל אשר:** קען ער איר יא...

**ר' יצחק:** אפשר זי האט נישט מסכים געווען? ווער האט נישט מסכים געווען? איינער האט נישט מסכים געווען.

**ר' יואל אשר:** אה, רצו? אפשר די טאטע נישט?

**ר' יצחק:** אה, ניין, ער זאגט ביידע. אפילו אז זיי האבן אלעס דא מסכים געווען,

**ר' יואל אשר:** כונס, דעמאלטס קען מען יא. אבער, אבער, זאגט דער רמב"ם, ס'טייטש מצד זיי, מצד די זכיות וואס א מענטש האט, מצד... איך ווייס נישט וויאזוי עס צו רופן, מצד מידות, מענטשליכקייט צווישן זיי צוויי מעג מען, אבער **אין ראוי לעשות כן**, די חכמים לאזן נישט מ'זאל בועל זיין א קטנה.

**ר' יצחק:** ניין, ווייל ס'איז נישט קיין וועג, ווייל די זעלבע ריזן,

**ר' יואל אשר:** ווייל זי וועט אפשר נישט וועלן, **עד שתגדל ותאמר**,

**ר' יצחק:** ס'איז דא די זעלבע פראבלעם פון נישואין ווי אויף קידושין,

**ר' יואל אשר:** לכאורה.

### הלכה ב: זמן שנים עשר חודש לנערה ולבוגרת

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער אזא הלכה. **אירסה**, א מענטש האט מארס געווען א פרוי, געגעבן קידושין, **ושהה כמה שנים**, ער האט זיך אויפגעהאלטן אפאר יאר ביז די... **ותבעה לנישואין**, זי האט אים תובע געווען. ניין, דא איז גלייך דוקא קטנה.

**ר' יצחק:** נישט גלייך, אבער די פוינט איז יעצט,

**ר' יואל אשר:** **ותבעה לנישואין**, זי איז תובע אים אז זי וויל שוין חתונה האבן.

**ר' יצחק:** אה, ער האט איר תובע געווען. ותבעה, מיט א מפיק ה'. ער האט איר תובע געווען. ותבעה לנישואין,

**ר' יואל אשר:** **והרי היא נערה**, זי איז נאך א נערה. איז ער האט נאך נישט... ער קען נאך נישט פאדערן אז ער וויל איר שוין חתונה האבן, נאר **נותנין לה שנים עשר חודש מיום התביעה**, פון ווען ער איז תובע געבעט מען איר נאך שנים עשר חודש, נאך א יאר, **לפרנס את עצמה**, קעיר צו נעמען פון זיך, צו מאכן פרנסה פאר זיך, **ולתקן מה שהיא צריכה לו**, אנגרייטן וואס זי דארף. **ואחר כך תינשא**. די חכמים האבן עפעס געגעבן א זאך אז... אז א מיידל וואס איז יעצט געווארן א נערה, זי מעג פאדערן אביסל צייט. ס'איז דאך א גרויסע עסק חתונה האבן. זי וויל דאך "פרנסת עצמה",

**ר' יצחק:** זי וויל זיין מיט זיך אליין. "פרנסת" איז נישט פרנסה. ס'מיינט צו זאגן וואס זי דארף האבן.

**ר' יואל אשר:** זי גייט קער נעמען פון זיך. פאר זי גייט קער נעמען פון די מאן, זאל זי ענדיגן קער נעמען פון זיך.

**ר' יצחק:** זי זאגט וואס זי דארף האבן צו חתונה האבן. "לפרנס את עצמה" מיינט לצורך הנשואין?

**ר' יואל אשר:** לצורך הנשואין? אדער זי קען פאדערן א יאר ווען זי איז שוין גרויס צו זיין אליין.

**ר' יצחק:** פיר, פיר, פיר. איך וועל זען די אנדערע הלכה.

#### דין בוגרת

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך **תבעה אחר שבגרה**? נאכדעם וואס זי איז שוין געווארן גרויס,

**ר' יצחק:** א בוגרת,

**ר' יואל אשר:** נישט נאר א נערה, דעמאלטס געבט מען נישט פון ווען די תביעה, נאר **נותנין לה שנים עשר חדש מיום הבגר**.

**ר' יצחק:** ווייל זי ווייסט דאך שוין אז זי גייט דארפן חתונה האבן מיט דעם, אדער אפשר אפילו נישט מקודשת, מ'וועט שוין זען די נעקסטע הלכה. די פוינט איז, א גדולה ווייסט שוין אז זי גייט חתונה האבן, זי איז א כלה מיידל, דארף זי זיך צוגרייטן. דו קענסט

נישט זאגן איך דארף א גאנצע יאר. פון ווען? זי איז גרויס געווארן, פון דעמאלטס דארף זי א יאר.

**ר' יואל אשר: וכן אם קידשה ביום הבגר,** די זעלבע זאך,

**ר' יצחק:** די מקודש געווען די טאג ווען זי איז געווארן א נערה.

**ר' יואל אשר:** ער איז א וואוילער איד, ער האט געפאלגט די חכמים אז מ'דארף מקדש זיין א גדולה,

**ר' יצחק:** ער האט געווארט אויף יענע סעקונדע. **נותנין לה שנים עשר חדש מיום הקידושין שהוא יום הבגר.**

**ר' יואל אשר:** אזוי מיינט, אזוי טראכט איך.

**ר' יצחק:** אפשר "הבגר" איז ווערן מבגרות.

**ר' יואל אשר:** "הבגר" פון ווערן גרויס. א בוגרת זאגט ער אויכעט. אקעי. **קידשה אחר שבגרה,** סתם די קידושין איז אויך שוין געווען נישט יענע טאג און נישט פארדעם נאר נאכדעם, איז **אם עברו עליה**

**ר' יצחק: שנים עשר חדש בבגרותה ואחר כך נתקדשה** — ס'איז שוין געווען צוועלף חדשים נאך זי איז שוין געווען גרויס, און באקומט זי בכלל נישט קיין צוועלף חדשים. ניין,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נאר **אלא שלשים יום,**

**ר' יצחק:** דעמאלטס האט זי דאך געהאט צייט זיך אנצוגרייטן,

**ר' יואל אשר:** ווייל זי איז דאך שוין א גרויסע מיידל,

**ר' יצחק:** און זי ווייסט אז די חתונה גייט קומען.

**ר' יואל אשר:** ער דארף זיין נאר דרייסיג טעג פון די תביעה. **וכן המארס את הבעולה** איז אויך **נותנין לה שלשים יום מיום התביעה.** סאו קיצור, די מינימום איז דרייסיג טעג. ס'איז נישטא קיין... א ווייניגער פון דרייסיג טעג קען מען קיינמאל נישט, ווייל ס'זעט אויס אז ס'נעמט צייט,

**ר' יצחק:** מ'דארף זיך מסדר זיין. אבער ווען מ'איז קליין באקומט מען צוועלף חדשים, ווייל... אקעי, דו זאגסט אפשר סתם וויאזוי דארף מען לאזן צייט? איך ווייס נישט. אויף סאמעריות האב איך געמיינט אז ס'זעט אויס אז מ'דארף...

**ר' יואל אשר:** ניין, דערפאר איז עס עצמה, ווייל זי האט נאכנישט געהאט א טשענס. א מענטש דארף זיין מאטשור זיך צו אנגרייטן פאר די חתונה, זיך איינצוקויפן וכדומה.

**מקור הדין מהתורה**

**ר' יצחק:** ער זאגט אז ס'שטייט א פסוק ביי יצחק אויכעט, "תשב הנערה אתנו ימים או עשור". און טייטש אין די מפרשים, די גמרא איז אז ימים מיינט א יאר. ס'שטייט אין די גמרא.

**ר' יואל אשר:** בסך הכל האט עס לבן געזאגט,

**ר' יצחק:** אקעי. יא, ס'איז אן אלטע שאלה, מיר לערנען דאך פשוט'ע חתונה פון דעם לבן. ווייל קומער, ס'איז נישטא קיין צייט חתונה וואס שטייט אין די תורה. סאו וואס זאל מען טון?

**ר' יואל אשר:** נישט נאר מ'לערנט עס ארויס, נאר מ'לערנט עס ארויס פון א פלאפ חתונה, ער האט אויסגעפאלט די נערה. פון די פלאפ חתונה לערנט מען ארויס אלע חתונות. שוין, זאגט דער רמב"ם ווייטער.

**ר' יצחק:** זייט דעמאלטס, אלע חתונות האבן עפעס א פלאפ.

**הלכה ג: זמן לאיש**

**ר' יואל אשר:** ליכא כתיבו, יא. שוין, זאגט דער רמב"ם. **כשם שנותן זמן לאשה.** די דין אז מ'געבט פאר א מענטש צייט זיך צו אנגרייטן פאר די חתונה, איז נישט נאר א דין אויף די פרוי אז זי דארף צייט. און דער מאן וואלט יעדער געטרייט, אה, דער מאן דארף ער, גיי, האב חתונה. ניין, דער מאן דארף אויך האבן צייט לפנות.

**ר' יצחק: כך נותנין.**

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי מ'געבט זמן צייט פאר די פרוי נאכדעם וואס דער בעל האט תובע געווען, געבט מען איר צייט **לפנות עצמו אחר כך תנתו.** די זעלבע זאך איז אויך פאר די איש. די איש קען אויך פאדערן אז ער איז נאכנישט גרייט. פון ווען די פרוי זאגט, נו, אונז האבן דאך אפגעשמועסט עפעס, און זי בעט נשואין, האט ער נאך צייט, קען ער פאדערן א יאר. לפנות עצמו, משתלו אותה איש. **וכמה נותנין לו?** אויך. משתלוותו חודש, משתלוותו חודש, משתלוותו חודש, און שלשים יום.

**דיון: תלוי בה או תלוי בו?**

**ר' יצחק:** סאו ס'איז דא א מחלוקת דא. דער רמב"ם לכאורה, לויט ווי דער מפרש לערנט, דער רמב"ם האט פארשטאנען אז ס'מיינט תולי בה. דאס הייסט, וויבאלד ער... מ'רעדט דאך אין די זעלבע קעיס ווי פריער, ער האט דאך שוין איין מקדש געווען. סאו ער ווייסט אז ער קען זיין דער וואס איז מעכב, ער זאגט, איך ווייס דאך אז דו ביסט נאך א נער, איך האב זיך נאכנישט צוגעגרייט.

**ר' יואל אשר:** ער איז דאך זיכער א גדול, ווייל א קטן קען נישט מקדש זיין. אבער זי איז דאך א נער, און זי דעזערוויט צוועלף חדשים. אבער זי איז מבטל. זי זאגט, איך בין שוין גרייט. אבער קען ער זאגן,

**ר' יצחק:** איך וויל יא די צוועלף חדשים. זאגט אז ס'האט אויך תלוי אין אים. אויב ער איז א בחור, באקומט ער צוועלף חדשים.

**ר' יואל אשר:** אויב ער איז אן עלמאן, אויב האט ער עקספיריענס מיט חתונה האבן.

**ר' יצחק:** ס'איז אזוי אינטערעסאנט. אבער דער רמב"ם איז משמע אז כמו שנעושים לה, דאס הייסט לויט איר.

**ר' יואל אשר:** לויט איר צייט, אהא.

**הלכה ד: חיוב מזונות כשהגיע הזמן**

**ר' יואל אשר:** יעצט קומט אן אינטערעסאנטע הלכה. **הגיע זמן שנתנו לאיש ולא נשאה.** ס'איז געקומען די צייט, מ'האט געגעבן פאר דעם איש, לאמיר זאגן, שנים עשר חודש אדער שלשים, און ער האט נישט געטון זיין פליכט. איז אן אינטערעסאנטע הלכה, **ער איז חייב במזונותיה אף על פי שלא כנס.** ווען א מאן האט דאך חיובים פון שארה כסותה ועונתה, סאו עונה איז נאך נישט שייך

ווייל ס'איז אסור בלא נשיאין, אבער די חיוב מזונות, דאס איז די שאר און די כסות, ווערט ער יא מחויב, אף על פי שלא כנס.

זאגט דער רמב"ם, מער אין די דיטיילס פון דעם איז אזוי, ווען **מגיע הזמן**, די צוועלף חדשים האט זיך געענדיגט, **אין א טאג וואס מ'טאר נישט חתונה האבן**, וואס איז אחד בשבת אויף בערב שבת, **יענע טאג איז ער פטור, מפני שאינו יכול לכנוס**, מ'רעכנט נאר פון ווען ער איז שוין מחויב און ער קען.

**ר' יצחק:** ווען דו האלטסט נישט דערביי,

**ר' יואל אשר:** ס'איז אזא קנס אזא, אבער ווען ס'איז נישט שייך,

**ר' יצחק:** איז פשט אז...

**פטור במקרה אונס**

**ר' יואל אשר:** איך דארף נישט גארנישט פון דיין ארומשלעפן. בכן, **אם חלה הוא**, ער איז געווארן קראנק. אוי הוא, **אוי שפרסה נדה**, זי איז געווארן א נדה **כשהגיע הזמן**. און מחמת נדה שטופט מען דיך אפ.

**ר' יצחק:** האט די טראמער געזאגט.

**ר' יואל אשר: אין נאמעלה על המזונות.** דעמאלטס איז ער נישט. אין נאמעלהייט וואלט ער געווארן מחויב מזונות ווייל ס'איז שוין געגעבן די צייט. אבער אויב איז עס וועגן א חולה. זיינס אדער אירס, איז איינער אלע מזונות, **פארוואס שאין ראה להנתה את שתטהר, או תעברו ביז זי ווערט געזונט אדער ביז זי ווערט ריין? וכן הוא אינו יכול ליסעה את שיברו**, ער איז דאך אויכעט, ווילאנג ער איז קראנק און מען אים מען נישט מחייב.

**ר' יצחק:** דאס איז אויך א תירוץ, הגם ער איז אליינס קראנק. הלכות נשיאין בעיסיקלי.

**דיון: שידוך בלא קידושין**

**ר' יואל אשר:** דער בית שמועס רעדט, וואס טוט זיך אויב מ'האט אפגעשמועסט א זמן הנשיאין אזוי ווי מיט אונזער צייט, אז מ'האט נאכנישט געמאכט קידושין, נאר שידוך? זאגט ער אויך אן ענליכע הלכה אז אויב ס'איז א דין פון קנאס, קען איך פארשטיין, ווייל איינמאל דו האסט זיך אונטערגענומען.

**ר' יצחק:** ס'איז מער אז ס'איז א נושא אז מזונות... איך מיין אז מ'דארף לערנען שפעטערליך.

**ר' יואל אשר:** מזונות האט דאך נישט מיט קידושין, מזונות האט דאך נישט מיט וואוינען צוזאמען,

**ר' יצחק:** מיט נשיאין. קומט זיך דאך צו וואוינען צוזאמען. ראי, ראי, ראי,

**ר' יואל אשר:** דו גייסט יעצט גארנישט געינען, דו זאלסט נישט געינען

---

**דיון קודם: שבת, שמחה, ומנהג חכמים**

*(הערה: דער דיון דא איז געווען פריער אין די שיעור, און ס'איז שייך צו אנדערע הלכות)*

**ר' יצחק:** וואס איז דאנערשטאג אדער דינסטאג? דינסטאג וועט ער אויך דארפן זיין א חלק פון די שמחה.

**ר' יואל אשר:** גוט, אבער א שבת זאל זיין א שבת שבע ברכות.

**ר' יצחק:** וואס איז די דיפערענס?

**ר' יואל אשר:** שבת שלשה ברכות.

**ר' יצחק:** וואס איז די ענין?

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט וואס איז די ענין פון די מנהג חכמים. לאמיר זען וואס זאגן די נושא.

**ר' יצחק:** ער איז נישט מסביר. ויצא מלאכת וועם ראשון.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קלאר. מ'זאל נישט אוועקנעמען פון אים.

**ר' יצחק:** אפשר איז א פראקטישע זאך.

**ר' יואל אשר:** אונז האבן דאך געאסר'ט פאר אים צו טון מלאכה. ס'איז אזא, חכמים האבן געזאגט אז ס'איז א גוטע מנהג, מען שטערט מענטשן פון ארבעטן. יא, זאכן גייען נישט ווערן געטון, די גראסערי גייט יעצט זיין עלעקטערד. ס'איז דאך נישטא קיין פראבלעם פון שבת, ווייל ס'איז נישטא קיין דין שמחה, אין מרבין שמחה לשבת, לגבי שבת. קענסטו שבת יוצא זיין די מצוה פון...

**ר' יצחק:** וואס הייסט, אפשר די חכמים האבן נישט ליב צו מבטל זיין ארבעט?

**ר' יואל אשר:** דאס איז די זאך? יא, יא, אזוי טראכט איך. אדער אפשר איז עפעס אזוי ווי ס'שטייט אז אן עונס תלמיד חכם איז בליל שבת? ס'איז עפעס אן ענין פון שבת, אן עונג שבת, אז אויף שבת זאל אויך זיין שמחה, קיין אסרו איז נישט דא, ס'זאל האבן א פרייליכע שבת.

**ר' יצחק:** איך הער. אפשר דאס איז דער סוד, א חכם האט נישט קיין איבריגע צייט. לייגסטו אריין סיי די שבת, ס'איז יא מערבים. וואס זאגסטו אז שבת איז נישטא די נושא פון שמחה?

**ר' יואל אשר:** ניין, שבת איז נישטא קיין מצוה פון שמחה.

**ר' יצחק:** אקעי, עד כאן האבן מיר עס געלערנט ווען מ'מעג אדער מ'זאל...

**ראיה פון אוכל ושותה**

**ר' יואל אשר:** סאו פון דא האב איך א ראיה אז די אוכל ושותה איז א חייב תמצא אין שמחה, ווייל אויב נישט וואלט מען געזאגט אז ער האט דאך א חיוב צו עסן לכבוד שבת, יעצט גייט ער עסן לכבוד. סאו די אין מערבים, איך וויל נישט נאר אין מערבים אויף דעם.

**ר' יצחק:** אקעי, מוז יעצט האבן מיר עס געלערנט וועגן ווען מ'דארף חתונה האבן, דאס הייסט נישט ווען מ'דארף, ווען ס'איז די ריכטיגע צייט און

**ר' יואל אשר:** די לוח און אזוי. א מענטש קען זאגן, איך וויל שוין חתונה האבן, אדער אזוי ווייטער.

**ר' יצחק:** נישט צייט אין די טאג פון די וואך אדער פון די יארן, נאר מער צייט.

**ר' יואל אשר:** ווי לאנג קען איינער אויפהאלטן דעם צווייטן? איינער האט געגעבן פאר איינעם קידושין, און ער שלעפט ארום אין די נשיאות וכדומה.

## המשך דיון אין הלכה י' — חיוב מזונות ווען הגיע הזמן ולא נשאו: קנס אדער פראקטישע אחריות?

### צי מזונות איז א קנס אדער א פראקטישע חיוב?

**ר' יואל אשר:** זאגט ער אויך אן ענליכע הלכה. אויב ס'איז א דין פון קנס קען איך פארשטיין, ווייל איינמאל דו האסט דיך אונטערגענומען.

**ר' יצחק:** ס'איז מער אז ס'איז א נושא אז מזונות... איך מיין אז מ'דארף לערנען שפעטערליך.

**ר' יואל אשר:** מזונות האט דאך נישט מיט קידושין, מזונות האט מיט וואוינען צוזאמען.

**ר' יצחק:** מיט נישואין. קומט זיך דיר צו וואוינען צוזאמען. ס'האט דאך שוין געדארפט צו הגיע הזמן.

**ר' יואל אשר:** דו וועסט גארנישט געווינען פון דיין ארומשלעפן.

### ר' יצחק'ס סברא: מזונות איז א פראקטישע אחריות, נישט קיין קנס

**ר' יצחק:** דאס סאונדט ווי א נעגאטיוו קנס פאר דעם. איך וויל נישט טראכטן אז ס'איז א קנס פאר דעם.

**ר' יואל אשר:** רבי יצחק איז אן אוהב ישראל, ער וויל נישט קנס'ן אידן.

**ר' יצחק:** און איך פיל אז... פאר סתם א ריזן פיל איך אז ס'איז נישט... ס'זעט מיר אויס, ווייל ס'איז דאך דא אזוי... די ארוסה איז דאך אויך די אשת איש, יא? פארוואס איז מען נישט מחויב אין מזונות ארוסה? ווייל זי וואוינט נישט ביי דיר, יא? פראקטיש.

דא, ווען זי וואוינט ביי דיר, ביסטו מחויב. זי דארף וואוינען ביי דיר. דו ביסט שוין מחויב צו נעמען קעיר פון איר. אה, דו ביסט א חכם, האסט א תירוץ, איך ווייס נישט פארוואס דו גייסט נישט כונס זיין יעצט, אבער דו ביסט דאך responsible, סאו טו פאר איר זאל האבן צו וואוינען, צו עסן. עפעס אזוי קוק איך עס אן.

### דער חילוק צווישן כפיית מזונות און כפיית כניסה לחופה

**ר' יצחק:** אבער הכי נמי, די זעלבע בית דין וואס איז כופה מזונות גייט כופה זיין לכנוס. איך ווייס נישט פונקטליך וועלכע חילוק ס'איז.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נאר... איי, ביסט גערעכט, ווייל די זעלבע חיוב מזונות האט ער דאך אויך א חיוב עונה, און פון ווען ער האט זיך אונטערגענומען לכאורה דארף ער עס שוין טון. אבער מ'קען נישט זאגן אז ער איז שוין מחויב ווייל ער האט נאכנישט געטון די נסיעה.

### פראקטישע נפקא מינה: ווען דער חתן האט א תירוץ

**ר' יצחק:** אבער די ווארט פון מזונות וועט זיין אז אויב ער האט עפעס א גוטע תירוץ—

**ר' יואל אשר:** אדער א האלבע גוטע תירוץ, מזונות קען מען זאגן אז ער שיקט די געלט.

**ר' יצחק:** רייט, און די בית דין וועט תובע זיין פאר אלע מפרע, אפילו ער וועט זאגן ווייסטו וואס? איך ווייס נישט. אין א חודש ארום זאל זיין די חתונה. אקעי, ביזדערווייל זאל ער צאלן מזונות. עפעס אזוי.

---

**ר' יואל אשר:** שוין, עד כאן פרק י'.